# פאַרברענטע ספר־תורה

(לויט מהר״ם מראָטענבורגס „שאלי, שרופה באש״)

ספר־תורה פאַרברענטע, פרעג וואָס זיי מאַכן,
די אבלים פון דיינע אָשיקע שליאַכן — — —
וואָס זיי האָט וויטאָק אויפגעריסן די וויעס
אין דערשטוינונג — ביים פלאַקער פון דיינע יריעות;

וואָס בענקען און קלערן, צי גאָט וועט באַשערן,
אַז פאַר זיי און פאַר דיר זאָל ליכטיק נאָך ווערן;
וואָס שטרעבן און וואַגלען און זוכן אַן עצה
און וואַלגערן אויף דר׳ערד זיך — פרעג ווי עס גייט זיי?

און דער מענטש, וואָס זיין האַרץ צעברעכט זיך אויף צווייען,
ווען ער קרעכצט אין זיין ליד דיינע שרעקלעכע ווייען,
און איז פינצטער ווי קראָען, און ער קלאָגט ווי שאַקאַלן
צוליבן אומגליק, וואָס איז אויף דיין גורל געפאַלן?

תורה, דו פייער אויף פייער געשריבן —
איז מעגלעך, אַז דו האָסט אויף אַש זיך צעריבן,
ווען ערדיש פייער האָט דיין פאַרמעט צעגליט,
און די האַנט פון דעם פיינט האָט זיך נישט אָפּגעבריט?

אַ „איידעלע״, ביז וואַנען וועט איר וואוילטאָג געניסן
און אונדזערע בלומען צווישן דערנער פאַרשליסן?
זאָגט, צי וועט לאַנג נאָך זיין ווי אַצינדער,

אַז איר זעצט זיך מיט גאווה און משפט גאָטס קינדער
און וואַרפט אייביקע געזעצן אין פייער אַריין?
געבענטשט, ווער עס וועט אין אייך נוקם זיך זיין.

צי דערפאַר ביסטו, תורה, אין בליצן געגעבן,
אַז זיך אויסרויכן זאָל אויף שייטערס דיין לעבן?
צי דעריבער האָט, סיני, דיך גאָט אָנגעטראָפן
אויפן וועג, ווען ער איז פון די גרויס־בערג אַנטלאָפן,
אַ צייכן, זאָל זיין, אַז נאָך צייטן און צייטן
וועט, ווי אַ מענטש וואָס ווערט אַלט, דיין וואוקס זיך בייטן,
וועסט נידעריק זיין, קליין, איינגעבויגן.
סאָראַ פינגלעכער משל עס פאַלט אין די אויגן: —

ביים געבורט פון זיין זון מאַכט אַ קעניג אַ באַל:
ליכט לייכט אין די אויגן, פרייד טאַנצט אין זאַל,
ווער עס זינגט, ווער עס טרינקט. נאָר דער קעניג אַליין
זיצט, שווייגט און שווייגט און לאָזט אַרויס אַ געוויין,
קיינער ווייסט נישט פאַרוואָס, קיינער ווייסט נישט פאַרוועץ,
אַז זיין זון וועט שטאַרבן, האָט נאָר דער קעניג געזען...

דו, סיני, אלמנה, באַוויין, טו אָן זיך אין זעק!
און איך וועל גיסן מיט טרערן, אַ טייך זאָלן זיי ווערן,
דער טייך זאָל זיך ציען ביז דיינע צוויי האָרן —
משה און אהרן — און ביי זייערע קברים
פרעגן אַ שאלה: איר, הייליקע שרים,
האָט מען איבערגעגעבן אין אייערע הענט
אַ תורה, אַ נייע, וואָס מ'האָט די אַלטע פאַרברענט?

אין חודש דריי — די תורה געשאָנקען, אין חודש פיר —
דאָס קרוינישע, גאונישע פאַרניכטעט אין איר.

איינמאָל לוחות צעהאַקט, אַ צווייט מאָל צעמאַלט
דעם דת און פאַרשרפה׳ט. האָט מען כּפל באַצאָלט ?

כ׳פאַרשטיי נישט. ווי אַ ביסן קען שמעקן מיין גומען
נאָך מיין זען דיין פאַרמעגן, צוזאַמענגענומען,
ווי אין אַן עיר־הנדחת אויפן מיטן דעם וועג,
און שמוציקע האַנט האָט פאַרברענט גאַטס פאַרמעג.

איך קען נישט געפינען דיין טיר, דיין טויער,
פאַרשאָטענע זיינען דיינע סטעזשקעס מיט טרויער,
נישט האָניק, אַ טרער אין געטראַנק איז מיר זיס,
קייט פון דיינע קייטן איז מיר גוט צו די פיס.
מיין אויג וויל שעפן געוויינען וואָס מער
פון אומעטום, וואו פאַר דיר לאָזט עמיצער אַ טרער,
נאָר זיי טריקענען באַלד אויס אויף מיין באַק, ווען זיי פאַלן,
בעוויל מיין רחמנות איז: הייס־הייסע קוואַלן.

מיין ברענענדיקער צער אויף דיין מאַן דעם גרויסן,
וואָס קריכט און שלענדערט און וואָגלט אין דרויסן —
האָט ער גענומען זיין פעקל און אַוועק ערגעץ ווייט,
און דיינע שאָטנס לויפן אים נאָך ביי דער זייט,
און איך אַן אייך בין עלנט געבליבן,
איינזאַם, ווי אַ זעגל אויף אַ באַרג־שפּיץ פאַרטריבן.

נישט צו הערן איז מער קיין קולות פון פרייד ;
געפלאַצט איז די פידל, די פויק און די פלייט,
כ׳וועל מיך איינהילן אין זיך און קלאַגנדיק ליגן,
ווי זאַמד ביי דעם ברעג זיינען דיינע הרוגים.

כ׳פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי די זון וואַרעמט און שטראַלט
פאַר אַלע, און מיר איז זי טונקל און קאַלט.

צו גאָט, דיין פרינץ, ביטער איך שריי אויף דיין בראָך,
אפשר וועט ער זיך דערמאָנען אייער גאָלדענע וואָך.

נעם, שנייד און ניי־אויף דיר בגדים פון זיך,
צוליבן פייער, וואָס גייט און פרעסט אויף דיינע טעג,
נאָר אַזוי לאַנג ווי דיין פיין איז גרויס, וועט השם
פון די שבטים ישורון אויפשטעלן אַ היים,
גאָלד־באַצירט וועט דיין האַנט, זובענגלאַנץ אין דיין אויג,
און אין טאַנץ וועסטו גיין צום טאַקט פון דער פויק;
שטאָלץ וועט מיין האַרץ זיין, אַז דיר ליכטיק וועט ווערן,
פריילעך וועלן זיצן אין דיינע נעכט גרויסע שטערן...

1938.